שנה ג'
נומער קי"ז
**פרשת פקודי**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

# דער ראש ישיבה באזוכט דעם נייעם קרן הדפסה בנין

## אין קרית ברסלב ליבערטי ב' ויקהל

**נייעס:**
מסיבה פארן כולל היכל הקודש אין שטאט מאנסי

**א מעשה פון א צדיק:**
זאל זיין אזוי!

**מעשיות פון תפלה:**
באצאלט דעם קאר מיט תפלה



ביים ציון פון הרה"ק מריבניץ זי"ע ג' ויקהל

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691

subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161

breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**

212.444.9169

BRESLEVCENTER.COM


# בריוו
## צו די רעדאקציע

### א שבת אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל.

איך בין זיך מחי' מיט'ן הערליכן ברסלב'ן צייטונג יעדן איינציגן וואך, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן.

קען זיין דא איז נישט די פלאץ פאר דעם וואס איך וויל שרייבן, איך שיק אייך דאס אריין און איר זאלט שוין טוהן וואס איר פארשטייט.

איך בין געווען פארגאנגענעם שבת שקלים אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה, וואס זאל איך אייך זאגן, דאס איז געווען א שבת מעין עולם הבא, איך האב שוין מיטגעהאלטן אסאך שבתים צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה, אבער די שבתים אין שטעטל האט עפעס א אנדערע געשמאק, די דאווענען, די באטע, די דרשות, אלעס איז מיט א אנדערן געשמאק, קען זיין עס איז די ריינע לופט וואס איז דא אין שטעטל, ווייל דער רבי' זאגט ווען מען גייט אין א פלאץ וואו מענטשן דרייען זיך נישט איז בעסער פאר התבודדות, אין שטעטל דרייען זיך ווייניגער מענטשן ווי אין שטאט, ובפרט איז נישט דא אזויפיל ראיות אסורות אין די גאסן.

איך דאנק דעם אייבערשטן פאר די זכי' וואס ער האט מיר געגעבן צו קענען מיטהאלטן דעם שבת, דער אייבערשטער זאל מיר העלפן איך זאל קענען פאלגן די עצות און הדרכות וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט במשך דעם שבת קודש.

ישר כח.

א תלמוד פון וויליאמסבורג

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו וזוגתו באשא הדסה תחי'**

**צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.




# זמנים
Liberty

**פרשת פקודי ב' אדר ב' תשפ"ב**

**הדלקת הנרות** ........05:34

**מוצאי שבת** ............07:07

**מנחה מעריב ויקרא.** 06:50

| | | |
|---|---|---|
| Fri 04 | **31°**/16° | Partly Cloudy |
| Sat 05 | **38°**/31° | PM Rain/Snow Showers |
| Sun 06 | **50°**/38° | Showers |
| Mon 07 | **46°**/31° | Showers |
| Tue 08 | **40°**/24° | AM Rain/Snow |
| Wed 09 | **40°**/25° | Mostly Cloudy |
| Thu 10 | **42°**/30° | Partly Cloudy |
| Fri 11 | **44°**/32° | Rain/Snow Showers |

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# וויכטיגע מעלדונג

אזוי ווי שוין געמאלדן אין די פריערדיגע מעלדונג די פרייזן פון באקומען א זכות צו קויפן א דירה אין שטעטל און ווערן א חלק פון די קהלה, וועגן דעם ווילן מיר קלארשטעלן, אז די יעצטיגע פרייז איז נאר אויב מען האט אויסגעצאלט דער פולער באלאנס פון צען טויזענט דאללער ביז ראש חודש ניסן, נאכדעם ווערט די פרייז געהויבן אפילו אויב איר האט שוין אנגעהויבן צאלן און נאכנישט געענדיגט.

די אלע וואס ווילן נאך אריינכאפן די אלטע פרייז ווערן געבעטן איבערצוגעבן די גאנצע סכום פאר חבר ההנהלה ר' מרדכי אהרן היילפרין הי"ו בעפאר ראש חודש ניסן.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראסער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# שטעטל נייעס

## שבת שקלים אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה



א הערליכער שבת איז פאריבער אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א וואס האט געוויילט אויף שבת צו די פרייד פון אלע תושבים.

פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה געדאוונט אין בית המדרש אשר בנחל אויף די דענמאן גאס, דער ראש ישיבה האט געדאוונט פאר'ן עמוד קבלת שבת פון וואס די מתפללים האבן זיך גאר שטארק דערקוויקט.

ביים באטע זענען זיך צאמגעקומען א גרויסער ציבור אין שטוב פונעם ראש ישיבה, אויך איז פארגעקומען א סיום ששה סדרי משנה 'הונדערט און איין מאל' דורך האברך מנחם שטיינבערג הי"ו, וואו דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון דעם וואס אינגעלייט וואאס ארבעטן ביטער שווער האבן אלס מיט זיך א משניות, און ווען אימער זיי האבן צייט כאפן זיי אריין נאך א פרק משניות. אויך האט דער ראש ישיבה געבעטן די אינגעלייט צו פארציילן מעשיות פון הפצה.

ביים טיש איז געזיצן משפחת נהרי פון לעיקוואוד, און דער ראש ישיבה האט פארציילט ווער דער אינגערמאן איז; זיין טאטע ר' ישראל בנימין נהרי הי"ו האט גערעדט צום ראש ישיבה וועגן התבודדות ווען דער ראש ישיבה איז געווען 14 יאר אלט, ער האט געזאגט פאר'ן ראש ישיבה ער זאל גיין אין א שטילע פלאץ און רעדן צום אייבערשטן, דער ראש ישיבה האט פרובירט גיין אין בוילער רום און אין אנדערע שטילע פלעצער, אבער ער האט זיך נישט געקענט עפענען דאס מויל... הגם דער רבי זאגט אז זיצן שטיל און וועלן רעדן צום אייבערשטן איז אויך גוט, אבער עפענען דאס מויל צו רעדן צום אייבערשטן איז נאר געשען ווען דער ראש ישיבה איז מקורב געווארן צו מוהרא"ש.

שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געלערנט זוהר הקדוש מיט ר' יוסף שניטצלער הי"ו, אנדערע האבן זיך אויך צוגעזעצט מיטהאלטן דעם שיעור, הערן די הייליגע מאמרים פון התנא רבי שמעון.

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט ספר פעולת הצדיק; דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר א איד (וואס זיין בן יחיד איז אוועק און ער האט זיך נישט געקענט טרייסטן) "האב נישט מורא פון שטארבן - דארט איז א שענערע וועלט". מיט דעם האט ער זיך בארואיגט, דער רבי האט אים געזאגט ער זאל שווערן מיט א הייליגע חפץ אז נאך זיין פטירה זאל מען אים גלייך פירן צום רבי'ן. דער איד איז גלייך נאכדעם אוועק און נאכן סתימת הגולל איז ער שוין געווען ביים רבי'ן. זאגט מוהרא"ש "ברסלב'ע חסידים פירן זיך צו שווערן בנקיטת חפץ אז נאך די פטירה זאל מען טראגן די נשמה גלייך צום רבי'ן, פרויען קענען שווערן ביי די מזוזה".

שחרית און מוסף האט דער ראש ישיבה געדאוונט פאר'ן עמוד, עס האט צענומען יעדן איינעם די ווארימע דאווענען, ובפרט די ווארימע ניגון פון "אור פניך" וואס מען זינגט ביי מוסף שבת שקלים.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה שטארק ארומגערעדט פון זיך נישט האלטן קליין ווען עס קומט צו עבודת השם, נאר וויסן אז דער אייבערשטער ווארט אויף מיינע גוטע מעשים. מען זעהט מענטשן רעדן אויף אנדערע, באמת וויל ער רעדן אויף זיך אליין - אבער ער קען נישט, בארעדט ער אנדערע, אבער עכט האלט ער נישט פון זיך אליין, ער איז ביי זיך נישט חשוב און אראפגעקוקט. (מער זעהט אינעם גליון סיפורי מעשיות).

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה אראפגעזעצט אויבן אן הבחור שמעון עמרם איידליס נ"י וואס גייט בר מצוה האבן קומענדיגן מיטוואך, און פארגעלערנט שבחי הר"ן אז רבי ברוך'ל דער פעטער פונעם רבי'ן האט געזאגט "דער פסוק אני היום ילידתיך גייט ארויף אויף דער טאג פונעם בר מצה, מען ווערט אזוי ווי ניי געבוירן", האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז מען איז מקורב צום רבי'ן קען מען ווערן ניי געבוירן יעדן איינציגן טאג.

ביי מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ביים אנפאנג פון זיין התקרבות פלעגט מען זיך צאקומען יעדן שבת מברכים צו א מלוה מלכה און דאס האט אים געהאלפן צו זיין התקרבות. דער ראש ישיבה האט שטארק ארום גערעדט פון זיין שטארק אין תפילה, און וואס איז די כלי אז די תפילות זאלן ווערן אנגענומען? דאס איז "שלום", אז מען האט שלום מיט די ווייב קענען די תפילות ווערן אנגענומען, און אז מען האט שלום אין שטוב רינט עס שוין נאכדעם אריבער אויף די מענטשן וואס זענען ארום דיר, צו אין בית המדרש אדער ביי די אנדערע פלעצער.

דער שבת האט איבערגעלאזט שטארקע חיזוק פאר די איינוואוינער.

# היכל הקודש
# נייעס

מאנסי

## דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט מאנסי



פארגאנגענעם דינסטאג ויקהל איז דער ראש ישיבה געקומען באזוכן אנשי שלומינו אין שטאט מאנסי, וואס ווארטן שוין א לאנגע צייט אויף אזא באזוך.

האברך מענדל באלאבאן הי"ו האט צוגעגרייט א שיינעם מסיבה פאר'ן כולל היכל הקודש ביי זיך אין שטוב, און דער ראש ישיבה איז ספעציעל געקומען צו פארן מחזק זיין דעם הייליג'ן כולל וואו אינגעלייט זיצן א גאנצן טאג און לערנען, און אינאיינוועגס אויך ארייינכאפן צו מחזק זיין אנשי שלומינו וואס וואוינען אין מאנסי.

ביים שיעור האט דער ראש ישיבה שטארק ארויסגעברענגט די חשיבות פונעם כולל; דא זיצן נישט קיין אינגעלייט וואס דארפן דא זיצן ווייל אזוי איז דער סיסטעם אז נאך די חתונה גייט מען אין כולל, ניין בכלל נישט אזוי, א אינגערמאן נאך די חתונה דארף גיין ארבעטן און אהיימברענגען געלט אויסצוהאלטן א שטוב, אויב א אינגערמאן וויל באמת לערנען ער מיינט עס אמת'דיג, וועל איך אים ארייינלאזן אין כולל.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שטארק מחזק געווען אנשי שלומינו זיי זאלן זיין שטארק מיט התקרבות פונעם רבי'ן, אבער צו זיין ביים רבי'ן און אים פאלגן פעלט אויס צו דעם "אמונה צוזאמען מיט תמימות" נאר דעמאלטס קען מען מצליח זיין ביים רבי'ן.

אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון די נייעס וואס מאכט משוגע דעם מענטש יעדן טאג, און דער ראש ישיבה האט געזאגט "אנשטאט אויסהערן די נייעס בשעת מען עסט נאכטמאל, אין די צייט קענסטו רעדן מיט דיין ווייב וואס ווארט שוין אויף דיר זאלסט אהיימקומען".

דער באזוך פונעם ראש ישיבה האט איבערגעלאזט א גרויסע רושם אויף אלע באטייליגטע.

**אין לו להקדוש ברוך הוא אלא ד' אמות של הלכה בלבד**

אומאן - אוקריינא

## אומאן ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט



ווי אלע האלטן מיט הערשט יעצט א מלחמה צושטאנד אין אוקריינא. עס קומען פאר העפטיג שלאכטן און באמבאדירונגען אין אוקריינא, די איינוואוינער פארציילן איבער שווערע שלאכטן וואס קומען פאר צווישן די רוסישע און אוקריינישע מיליטערלייט.

אידן פון די גאנצע וועלט זענען מתפלל בשלום אחינו בני ישראל וואס וואוינען אין פילע שטעט איבער אוקריינא, מען בעט אז דער אייבערשטער זאל זיי אפהיטן פון יעדע צער און שאדן בגוף ונפש.

ביי אנשי שלומינו חסידי ברסלב ברענגט דער צושטאנד מען זאל פריש אנהייבן מתפלל זיין אז דער מצב אין אוקריינא זאל זיך איינשטילן און עס זאל הערשן פרידן איבער די וועלט, און די גרעניצן זאלן זיין אפן פאר די צענדליגע טויזטער וואס ווילן קומען צום הייייליגן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה הבעל"ט.

יעצט ווערט נאכאמאל איבערצייגט אז מען קען נישט אנקומען צום הייליגן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה אָן תפילות, יעדער פערזענליך קען שרייבן יעדעס יאר באזונדער א גאנצע בוך פון די פילע שטרויכלונגען און שטיינער וואס דער סמ"ך מ"ם האט אים אונטערגעשטעלט צו שטערן פון אנקומען צום רבין; אבער פון די אנדערע זייט קען מען פארציילן נאך אסאך מער מעשיות פון תפלה ווי דער אייבישטער געהאלפן און מען איז אלעס איבערגעקומען.

לאמיר לייגן אלע ווערטלעך אויף רוסישן פרעזידענט פוטין אין א זייט, לאמיר בעטן דעם אייבערשטן מען זאל אנקומען בשלום צום הייליגן רבינ'ס ציון אויפן קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט, און מיט דעם באקומען די גרויסע תיקונים וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט. בעט יעצט איין תפילה **"הייליגער באשעפער העלף מיר צוזאמען מיט אנדערע אידן זאלן קענען אנקומען צום הייליג'ן רבי'ן אויף ראש השנה תשפ"ג".**



# מעשיות פון תפילה

## יואליש קרויס - ארץ ישראל:

איך האב געקויפט א קאר בשעת טובה, כדי צו קענען קויפן א קאר האב איך געדארפט האבן א גרויסע סכום געלט, איך האב נישט געהאט די גאנצע געלט, האב איך געדארפט שאפן א הלוואה, איך בין געגאנגען צו די באנק וואס איך נוץ און אריינגעגעבן א בקשה צו באקומען א הלוואה פאר די סכום וואס איך האב געדארפט, אבער די באנק האט מיר נישט געוואלט אפפראוו"ן.

צו מאכן א לאנגע מעשה קורץ, איך האב פרובירט אלע מיני וועגן צו באקומען א הלוואה, אבער גארנישט האט זיך גערוקט, האב איך זיך געכאפט אז די עצה וואס ארבעט זיכער - 'תפילה' - האב איך נאכנישט פרובירט.

גלייך האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל באקומען די נויטיגע הלוואה גרינג און שנעל, געלויבט דער אייבערשטער ס'איז נישט אריבער מער ווי אפאר טעג און איך באקום א רוף פון די באנק, וואס דאס אליין איז א חידוש, ווייל קוים וואס די באנק גיבט הלוואה'ס און דא רופן זיי מיר אן, און זיי זאגן מיר אז איך בין אפפראוו"ט פאר די הלוואה. שכח אייבערשטער!

## משולם פינטער - קרית ברסלב:

"שכח אייבערשטער פאר די געזונטע בעיבי וואס דו האסט מיך געגעבן." מיין בעיבי איז געבוירן אפאר חדשים צוריק, ביים געבוירן איז די בעיבי געווען אביסל קליין און געוואויגן ווייניג, במילא האבן מיר געדארפט בלייבן מיט די בעיבי אין שפיטאל פאר א שטיק צייט. נאך אסאך תפילות האבן מיר ברוך השם געקענט אהיימגיין מיט א געזונטע בעיבי.

פאריגע וואך האב איך באקומען א רוף פונעם דאקטאר אז איך דארף קומען פאר א באזוך צו זיכער מאכן אז די בעיבי אנטוויקלט זיך גוט, און זיי האבן מיר געזאגט דעם טאג וואס איך דארף קומען, וואס יענעם טאג האב איך נישט געקענט קומען, האב איך זיי געזאגט אז איך קען נישט קומען יענעם טאג, האבן זיי מיר געזאגט אז איך מוז קומען, און אויב איך קום נישט קענען זיי מיר פאר'מסר'ן פאר די ע"י ס"י ע"ס, (די אגענטור וואס איז געשטעלט אויף אוועקנעמען קינדער פון נישט געזונטע עלטערן).

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זייער שטארק אז איך זאל קענען האבן א בעסערע אפוינטמענט און א גוטע צייט פאר מיר, נאכן זיין אויפן טעלעפאון מיט זיי פאר א שטיק צייט און פרובירן צו טראכטן וואס מען קען טון, זאגן זיי מיר אז איך קען גיין צו אן אנדערע דאקטער. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א גוטע דאקטאר וואס זאל האבן אן אפוינטמענט אין א גוטע צייט און אז מיין בעיבי זאל זיך האבן אנטוויקלט גוט.

שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן א דאקטאר אין א גוטע פלאץ און א גוטע צייט און דער דאקטער האט געזאגט אז די בעיבי איז געזונט און שטארק.

## אברהם יצחק אייזנער - וויליאמסבורג:

איך האב געדארפט גיין אין באנק אריינלייגן געלט זייער וויכטיג, נעבן מיין הויז איז דא א באנק, איך האב געטראכט אז איך וועל גיין ביינאכט.

איך בין געגאנגען ביינאכט אבער די באנק איז געווען פארשפארט, אפילו די ע"י ט"י ע"ם איז אויך נישט געווען אפן. ס'איז דא נאך א באנק אביסל ווייט פון מיין הויז אבער איך האב נישט געוויסט צו דארט איז יא אפן, אבער איך האב וויכטיג געדארפט אריינלייגן געלט. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין אפן, איך בין אהין געפארן, און שכח אייבערשטער ס'איז טאקע געווען אפן.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט בְּנוֹגֵעַ אַ סֶעלְפָאוֹן פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', אַז זִי הָאט בַּאקוּמֶען בְּחִנָם אַ סֶעלְפָאוֹן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פִילְטֶערְן וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, גֶעבּ אַכְטוּנְג זָאלְסְט נִישְׁט כַאפְּן קַיין מְצִיאוֹת וָואס קֶען דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן. דוּ וֵוייסְט אַלֵיינְס נִישְׁט וִוי שֶׁעדְלִיךְ אַ סֶעלְפָאוֹן וָואס הָאט אִינְטֶערְנֶעט אִיז, מֶען קֶען דוּרְכְדֶעם אַלֶעס פַארְלִירְן. אַז מֶען קוּקְט אַפָּאר מִינוּט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קח): **"אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶּערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא"**.

אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס צוּ טוּן, זָאג אִיךְ דִיר זָאלְסְט קוֹיפְן אַ כָּשֵׁר'ע סֶעלְפָאוֹן, אֲפִילוּ עֶס קָאסְט גֶעלְט. וַוייל אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (רַשְׁבָּ"א בָּבָא קַמָא ט.; רַ"ן עַל הָרִי"ף סוּכָּה טז.; רְמָ"א יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנז, סְעִיף א) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב אַוֶועק צוּ גֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף אַ לֹא תַעֲשֶׂה; אַז מֶען הָאט אַ טֶעלֶעפָאוֹן וָואס מֶען קֶען דֶערוֹיף זֶען עֲבֵירוֹת אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען דַארְף צָאלְן אַלֶע גֶעלְטֶער אַבִּי נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ סֶעלְפָאוֹן וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין דֶערְמִיט מִיט דִי אִינְטֶערְנֶעט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לפ"ק**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ מִיטְ'ן גֶעבְּן דַיין חוֹמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר פַאר דִי מוֹסָד; מִיט דֶעם נֶעמְסְטוּ אַ חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע פְּעוּלוֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ.

דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען אַ מְלַוֶה מַלְכָּה אִין יְשִׁיבָה: **'מְסִיבַּת הַכָּרַת הַטוֹב'** פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ דֶעקְן דִי רֶענְט פוּנֶעם בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה, וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, תַּלְמוּד תּוֹרָה, כּוֹלֵל, בֵּית הַדְפוּס, בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה וָואס אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק דֶערְמִיט. דֶערְפַאר, מַאכְן מִיר אַ מְלַוֶה מַלְכָּה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל אוּן הַכָּרַת הַטוֹב פַאר דֶעם פְּלַאץ; **אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ.**

בַּיי אוּנְז אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): **"הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ"**, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט הֶערְשְׁן צְווִישְׁן אַייךְ; מוֹהֲרָ"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן וָואס מִיר גֶעפִינֶען אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים **"אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא"**, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן. פְלֶעגְט מוֹהֲרָ"שׁ זָאגְן אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז, אִ'נַ'ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נֹ'ובֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא", **אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### זיך אליינס פאררעכטן

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: א גרויסער קעניג איז אמאל געזעסן מיט זיינע גענעראלן און פלאנירט איבער א גרויסע מאפע פרישע מלחמה טאקטיקן אויפ'ן שונא, דערנאך איז דער קעניג מיט זיינע מענטשן ארויס פון צימער פאר א קורצע איבעררייס, איבערלאזנדיג די מאפע אויפ'ן טיש. ווען זיי זענען צוריקגעקומען ווייטער פלאנירן, האבן זיי געזען די גאנצע מאפע איז צעריסן געווארן דורך דער זון פונעם קעניג - א קליין קינד, זיי האבן נישט געוויסט וואס צו טון, זיי האבן נישט געקענט צוריק צאמשטעלן און צאמקלעבן די מאפע וויאזוי עס איז געווען פריער, ביז איינער א חכם האט זיך אנגערופן "לאזט מיר, אלע זאלן ארויסגיין פון צימער און איך וועל דאס צאמשטעלן". אלע זענען ארויסגעגאנגען.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האבן זיי געטראפן די מאפע צוריק צאמגעשטעלט פונקטליך ווי פריער. דער קעניג האט זיך זייער געוואונדערט, האט ער געפרעגט, "וויאזוי האסטו דאס געקענט צוריק צאמשטעלן"? האט יענער געענטפערט: "דער וואס האט געצייכנט די מאפע, האט אויסגעמאלן אויף די אנדערע זייט" פונעם מאפע א בילד פון זיך; איך האב געוויסט אז דורך די ליניעס און צייכענונגען פונעם מאפע איז נישט מעגליך דאס צוריק צו צאמשטעלן, האב איך דאס איבערגעדרייט אויף די פארקערטע זייט ווייל דורך דאס בילד איז פיל גרינגער דאס צו צאמשטעלן, איך האב געלייגטביידע אויגן צוזאמען, דערנאך די איבעריגע שטריכן פונעם פנים, די נאז, די מויל און אזוי ווייטער, ביז איך צאמגעשטעלט דאס גאנצע בילד, דערנאך האב איך דאס צוריק ארומגעדרייט אויף די אנדערע זייט האב איך געטראפן די מאפע שיין צאמגעשטעלט פונקט ווי פריער".

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: "מיר קענען נישט פאררעכטן די וועלט, מיר קענען בלויז זיך אליינס פאררעכטן - אזוי וועט די וועלט פארראכטן ווערן. אזוי ווי דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געזאגט סוף ימיו: "אין מיינע יונגע יארן האב איך געמיינט אז איך וועל פאררעכטן די וועלט, שפעטער האב איך געזען אז איך קען נישט פאררעכטן די גאנצע וועלט האב איך געטראכט 'כאטשיג מיין שטאט וועל איך פאררעכטן', שפעטער ווען איך בין עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט פאררעכטן מיין שטאט, האב איך געטראכט 'איך וועל פאררעכטן מיין משפחה', אבער ווען איך בין נאך מער עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט קיינעם פאררעכטן, איך וועל פרובירן מיך אליינס צו מתקן זיין".

# א מעשה
## פון א צדיק



### זָאל זַיין אַזוֹי!

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי"ע אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען מָאל צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מִדָּה פוּן הֵיילִיגֶע גְבוּרָה - עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט דֶעם דִיבּוּר: עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס פַּאסִירְט זָאל עֶר זָאגְן: 'זָאל זַיין אַזוֹי'.

דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָארְן בִּיז אַהֶער, אוּן בַּטְלֶ'ן אַזוֹי פִיל צַייט, אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט אַזוֹיפִיל צַאם לֶערְנֶען, עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעלַאדְנְט אוֹיף אַ בְּרִית אִין אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט צוּ זַיין סַנְדָק, אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן ווִינְטֶער פִיל מִיט שְׁנֵיי, הָאט עֶר גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אוּן וִוי בַּאלְד מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין נָאכְמִיטָאג, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, אוּן בַּאלְד וֶועט שׁוֹין זַיין דִי שְׁקִיעָה, הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם רָב פוּן יֶענֶע שְׁטָאט מִיט דִי סַנְדְקָאוֹת, וִוי נָאר עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן מִיטְן קִינְד, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת, וָואס דֶעמָאלְטְס טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם קִינְד פוּן דֶעם שׁוֹיס, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאט גְבוּרָה דִקְדוּשָׁה הָאט דָאס אִים זֵייעֶר גֶעאַהְרְט אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעוַוארְט מִיט דֶעם סַנְדְקָאוֹת (כָּאטְשִׁיג מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט).

שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת אִיז גֶעזִיצְן אוֹיבְן אָן, אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען עֶפֶּעס אַ אָרִימַאן אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אוּנְטְן, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֵייט גְלַייךְ צוּ אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: ווִילְסְט זִיךְ וַואשְׁן? עֶנְטְפֶערְט עֶר: זָאל זַיין אַזוֹי! עֶר וַואשְׁט זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ בּוּלְקֶע, אוּן עֶר מַאכְט הַמוֹצִיא, פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת: אִיר ווִילְט אַ פָארְצִיֶע פִישׁ? זָאל זַיין אַזוֹי! אִיר ווִילְט נָאךְ אַ פָארְצִיֶע? זָאל זַיין אַזוֹי! אוּן דֶער עוֹלָם הַאלְט אִים אִין אֵיין צוּרִיקְן נָאךְ אַ פָארְצִיֶע אוּן אַזוֹי בַּיי דִי אִיבֶּערִיגֶע עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צוּ עֶר דַארְף נָאךְ, הָאט עֶר אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט, זָאל זַיין אַזוֹי! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעלֶעכְטֶער, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אִינְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז לֵיידֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי"ע זִיצְט דָארְטְן אוֹיבְן אָן אוּן עֶר הַאלְט אַלֶעס מִיט, אוּן עֶר זֶעהְט אַז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: זָאל זַיין אַזוֹי! הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט דָאס אִים אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט, עֶר זָאל מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זָאגְן: זָאל זַיין אַזוֹי!

וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ אִים גֶעפְרֶעגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט?! בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְלִיבְּן בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: אַז אִין הִימְל וֶועל אִיךְ זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דֶעם 'יָאסֶעלֶע' וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעשְׁטֶעלְט.

(קונטרס "אַ גוּטֶער מָאלֶער")

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי; **דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט אֱמוּנָה, דוּ טְרוּנְקְסְט אָן בֵּיימֶער**; דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כ, יט): "**כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה**"; אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דַיין נוּמֶער, וֶוער עֶס וִויל בַּאקוּמֶען אִין פָּאסְט אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף אַ יוּ עֶס בִּי זָאל אַרַיינְרוּפְן אוּן דוּ וֶועסְט דָאס שִׁיקְן אָן קַיין פְּרַייז, נָאר שְׁרַייבְּן מֶען זָאל שִׁיקְן צְדָקָה וִויפִיל מֶען וִויל גֶעבְּן; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט דָאס צוּ מַאכְן וֶועסְטוּ נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם.

אַלֶע מֵפִיצִים וָואס גֵייעֶן הָפָּצָה לְשֵׁם הֲפָּצָה, זֵיי זוּכְן נִישְׁט גֶעלְט, זֵייעֶר קָאפּ לִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ - דִי זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ. דִי וָואס טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט זֶענֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ, עֶס אִיז דָאךְ אַן הַבְטָחָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: "**וֶוער עֶס וֶועט גֵיין הֲפָּצָה וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ**"; אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי מַצְלִיחַ וִוי דִי וָואס דִי קָאפּ לִיגְט אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, דִי וָואס טְרַאכְטְן 'וִוי קֶען מֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד? וִוי קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' - דִי זֶענֶען מַצְלִיחַ.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעבּ אִיבֶּער אַ וַוארֶעמֶע גְרוּס פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אִין שׁוּל וּבִפְרַט פַאר דִי וָואס גֵייעֶן הֲפָּצָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



## א מעשה פון הפצה

**א אינגערמאן פארציילט:**

איך בין געגאנגען הפצה ביי די הייזער, איך קום אן צו א טיר און איך קלאפ אריין, א אינגערמאן האט געעפנט, איך זאג "צדקה" און ער געבט מיר א דאלער, האב איך אים געגעבן א קונטרס, זיינע אויגן האבן אויפגעשיינט און ער זאגט מיר "אה! ברסלב! ווארט איין מינוט."

ער גייט אריין אין שטוב און קומט ארויס מיט א טשעק און זאגט מיר "די קונטריסים האבן מיר געראטעוועט מיין לעבן! זייט איך בין אנגעקומען צו די ספרים האט זיך מיין לעבן אינגאנצן געטוישט צום גוטן!"

איך געב א קוק אויפן טשעק און איך זעה די סכום פון צוויי הונדערט פופציג דאלער!

פון הפצה דערלייגט מען נישט בגשמיות און אוודאי נישט ברוחניות, אדרבה, הפצה איז די בעסטע פרנסה וואס מען קען האבן, עס איז שוין אויספרובירט געווארן און אויפגעוויזן געווארן פיל מאל.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# ניעס פון קרן הדפסה

## ראש ישיבה באזוכט נייעם קרן הדפסה בנין וואס מען גייט אט אפקויפן

פארלאפענעם מאנטאג ויקהל האט דער ראש ישיבה באזוכט אין שטאט קרית ברסלב ליבערטי, און באזוכט דעם נייעם בנין פאר'ן קרן הדפסה וואס מען איז אין קאנטראקט שוין פאר א שטיק צייט, און מען האפט צו שליסן דעם מקח אין די נאנטע טעג, מעןווארט נאך אויף די לעצטע פאר דאלער, וואס מען האפט אז אנשי שלומינו וועלן ארויסהעלפן עס זאל קענען קומען מכח אל הפועל.

דער ראש ישיבה איז געווארן אפגעווארט דורך די אינגלייט פון הנהלת קרן הדפסה היכל הקודש וואס דער ראש ישיבה האט אוועקגעשטעלט א צייט צוריק.

מען איז אדורך דעם גאנצן בנין און באטראכט און באקוקט יעדן צימער, און געזעהן פאר וועלכן געברויך יעדע צימער וועט ווערן באנוצט, אויך איז דא דארט אסאך צימערן וואס איז געאייגנט פאר אפיסעס, מען האט אויפגעברענגט א געדאנק אז אפשר קען מען דאס פארדינגען פאר אנשי שלומינו וואס זוכן צו דינגען אפיסעס פאר זייער ביזנעס.

דערנאך האט מען געדאווענט מנחה אינעם בנין און מיט דעם באנייט דעם בנין וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווערן אויסגעניצט צו אריינברענגן אין אידישע קינדער די ריינע אמונה אינעם אייבערשטן וואס פירט די גאנצע וועלט.

נאך מנחה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ, דערנאך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פונעם פאקט וואס מען זעהט אז די אלע וואס גייען הפצה האבן ברוך השם שיין פרנסה, און זענען זייער שיין מצליח.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין

# בילדער פון קרן הדפסה



דער ראש ישיבה באזוכטביים נייעם בנין - ב' ויקהל



ביים דאווענען מנחה אינעם נייעם בנין



ביים טאנצן נאך מנחה אינעם נייעם בנין

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| משה יחיאל פעלדמאן<br>קרית ברסלב | אפרים נובוגרודסקי<br>לאנדאן | אייזיק קאהן<br>דזערזי סיטי |
| אלי קנאלל<br>מאנסי | שמשון הערש טייטלבוים<br>קרית ברסלב | משה שטיינוואוראצל<br>בארא פארק |
| אברהם שבתי מזרחי<br>קרית ברסלב | יואל מארקאוויטש<br>בארא פארק | אברהם חיים וויזעל<br>קרית יואל |
| יצחק משה רייך<br>בארא פארק | שמעון פאללאק<br>וויליאמסבורג | שכנא גפן<br>מאנסי |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370



# דעם רבינ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 24

**פארזעצונג פון פריער:**

ווען דער רבי איז געקומען קיין טבריה, איז געקומען צו אים אַ שַׁדְכָן מיט אַ שליחות פון רבי משה זי"ע, דער זון פון רבי מענדל מוויטעבסק זי"ע, צו בעטן דעם רבי'ן אַז ער וויל זיך מְשַׁדֵךְ זיין מיט אים. דער שַׁדְכָן איז גלייך צוריק געגאנגען צו רבי משה מיט'ן ענטפער אַז דער רבי איז מַסְכִּים צום שידוך, און ער האט צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה. שפעטער, ווען דער רבי איז צוריק געפארן קיין חוץ לָאָרֶץ, איז דער חתן רבי שמואל נפטר געווארן, און מיט אומגעפער דריי יאר שפעטער, אין יאר תקס"א, איז אויך זיין טאטע רבי משה נפטר געווארן.

...

ווען דער רבי איז געווען אין טבריה, האט זיך דאן אָפּגעשפּילט די באַקאַנטע מַעֲשֶׂה מיט'ן מָסוּר וואס איז געווען דארט אין שטאט.



די שטאט טבריה היינטיגע צייטן

די מַעֲשֶׂה איז געווען אַז איינער איז געקומען פון חוץ לָאָרֶץ, און אַזוי ווי ער האט זיך געוואלט חנפ'נען צום אָרטיגן פּאשא, איז ער געווארן אַ מָסוּר רַחֲמָנָא לִיצְלָן, ער האט גע'מַסְר'ט פילע מענטשן צום פּאשא, און ער האט אָפּגעטון גאר אַסאך צָרוֹת פאר די אָרטיגע איינוואוינער.

דורך זיינע מְסִירוֹת זענען פילע חָשוּבֶע אידן אַרעסטירט געווארן און האבן געשמאכט אין אַ שווערע טורמע, אין אַ טיפן גרוב, פאר ניין וואכן, ביז ווען די סְפַרְדִ'ישע אידן זענען געגאנגען צום פּאשא און באַצאָלט גאר אַסאך געלט, און אַזוי האט ער באַפרייט די אידן.

דערנאך זענען זיי געגאנגען און געכאפּט דעם מָסוּר, און אים געוואלט דערשטיקן צום טויט, ער האט זיך אָבער געמאכט אַזוי ווי ער איז שוין געשטארבן, און דערנאך האט ער זיך אויפגעוועקט און ער האט זיי גע'מַסְר'ט, ביז ער האט באַקומען רְשׁוּת פונעם פּאשא אַז ער קען טון מיט'ן שטאט וואס ער וויל, ער איז געווארן דער הערשער איבער די שטאט.

ער איז אָנגעקומען אין שטאט מיט גרויס כָּבוֹד, מיט אַראַבישע סאלדאטן וואס האט אים באַגלייט מיט גרויס גְדוּלָה און כָּבוֹד, און גלייך זענען אַלע איינוואוינער פון שטאט אַנטלאפן, ס'זענען נאר איבערגעבליבן די פרויען און קינדער. ס'געווען דארט גרויסע וויינערייען אין יעדע הויז, ס'איז געווארן מַמָשׁ אַן איבערקערעניש.

דער רבי האט אויך געוואלט אַנטלויפן, ער האט אָבער נישט געקענט ווייל ער איז געווען זייער פארשלאפט און שוואך. ער האט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוציען אָבער פון די גרויסע שוואכקייט וואס האט אים אָנגעכאפּט האט ער זיך געמוזט צוריק קערן.

דאס איז אָבער געווען אַ גרויסע חֶסֶד פונעם אייבערשטן אַז דער רבי איז נישט אַנטלאפן, ווייל דורך דעם האבן אַלע מענטשן אויך געקענט צוריק קומען, ווייל דער מָסוּר האט זיך זייער שטארק מַכְנִיעַ געווען פאר'ן הייליגן רבי'ן, ער איז אַריבער געקומען צום רבי'ן מיט גרויס הַכְנָעָה. און דערווייל האט דער רבי געשיקט זיין באַגלייטער ר' יצחק ער זאל גיין אויסרופן אין שטאט אַז יעדער זאל צוריק קומען.

דער רבי איז זיך אומגעגאנגען מיט אים מיט גרויס חָכְמָה, ביז ער איז מַמָשׁ אינגאנצן בָּטֵל געווארן פאר'ן רבי'ן. דער מָסוּר האט זיך אַהערגעשטעלט ווי ער וואלט געווען אַן ערליכער איד, ער האט גערעדט מיט'ן רבי'ן איבער חֲסִידוּת, און דער רבי האט זיך געמאכט אַזוי ווי ער ווייסט גארנישט ווער ער איז בֶּאֱמֶת, ער האט זיך געמאכט ווי ער האלט זייער שטארק פון אים, און דער רבי האט אים געזאגט אַז ס'פּאסט פאר אַזאַ ערליכער הערשער זיך אויפצופירן ווי אַ חָסִיד און אַן עָנָיו, און צו מִתְפַּלֵל זיין אויף צָרוֹת יִשְׂרָאֵל.

דער רבי האט אים געזאגט אַז ער זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן תְּהִלִּים, און דער רבי האט אים געזאגט, "אויב וועסטו קענען דא זאגן תְּהִלִּים מיט גרויסע בְּכִיוֹת, אין פארנט פון אַלע אינגעלייט דא, וועל איך זען אַז דו האסט טאקע נישט קיין גַאֲוָה אין דיר", און דער מָסוּר האט טאקע אַזוי געטון, ער האט גלייך אָנגעהויבן זאגן דארט תְּהִלִּים, און ס'איז אים גערינען טרערן פון די אויגן.



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

### שבת קודש משפטים תשפ"ב

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן א שבת'דיגע סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, פרייטאג צונאכטס פרשת משפטים אינעם הייליג'ן שטעטל - קרית ברסלב ליבערטי

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען מיט א פרייליכן גוט שבת וואס האט אויפגעלעבט דעם גאנצן שטוב! דער ראש ישיבה האט געמאכט פלעצער פאר אלע קינדער וואו יעדער זאל זיצן. פאר מען האט אנגעפאנגען צו זינגען שלום עליכם, האט דער ראש ישיבה געזאגט "שבת שלום ומבורך, שבת שלום ומבורך, הייליגע שבת, לעכטיגע שבת, זיסע שבת, יאמי שבת, שבת שלום ומבורך", און דערנאך אנגעפאנגען צו זינגען זמירות מיט א מורא'דיגע זיסקייט און געשמאק.

דער ראש ישיבה האט געשמעקט די הדסים און זיך אנגערופן: "אז מען שמעקט הדסים האט מען ערליכע קינדער".

אינמיטן זינגען זמירות האבן צוויי קינדער זיך ארום געקריגט, האט דער ראש ישיבה זיי אנגעקוקט שטרענג און זיי האבן גלייך אויפגעהערט. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיי: "קריגטס ענק נישט, די מלאכים זענען דא".

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש, נאכדעם זענען אלע קינדער געלאפן צו די סינק און דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן די הענט. אינמיטן סעודה האט דער ראש ישיבה גענומען יחזקאל'ע אויף זיין שויס און אים געפיטערט חלה מיט טאמעטא דיפ, ביי יעדע שטיקל חלה האט דער ראש ישיבה געזאגט מיט אים "ש'כח אייבערשטער! ש'כח אייבערשטער!"

איינע פון די קליינע קינדער האבן געוואלט וויזן אז ער קען שוין אויך זאגן ש'כח אייבערשטער, און ער האט א גאנצן צייט געזינגען ש'כח אייבערשטער! ש'כח אייבערשטער! האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן מיט א שמייכל "אזוי איז געווען ביים ים סוף, קליינע קינדער האבן געזען דעם אייבערשטן, קליינע קינדער האבן געזאגט ש'כח אייבערשטער".

א בחור האט פארציילט פאר'ן ראש ישיבה ווי אזוי זיין ברודער איז מקורב געווארן דורך א מלמד א מפיץ; האט דער ראש ישיבה פארציילט אז יענער מלמד האט נישט געוואלט קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, ווייל ער האט מורא געהאט אז מען וועט אים ארויסווארפן פון זיין ארבעט, למעשה האט מען אים סיווי ארויסגעווארפן, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז ס'איז א שאד ער איז נישט געפארן קיין אומאן - ווייל מען וואלט אים סיי ווי ארויסגעווארפן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזינגען זמירות און אויך נאך אפאר שיינע ניגונים, דערנאך האט מען אריינגעברענגט די זופ. דער ראש ישיבה האט געהאלטן יחזקאל און פארציילט אז ס'איז זייער א אינטערעסאנטע זאך, אז ווען מען האט א קינד באקומען די טאטע און מאמע א געפיל וועלכע נאמען צו געבן פאר'ן קינד, ס'איז אזוי ווי רוח הקודש.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען יחזקאל איז געבוירן האט ער געזאגט פאר זיין ווייב "איך האב א געפיל צו געבן דעם נאמען יחזקאל". אפילו מיין זיידע האט נאך געלעבט, און אזוי איז טאקע געווען, מיין זיידע איז אוועק נאך פאר די ברית.

דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער אז מען גייט שוין פארציילן די מעשיות פון תפילה! דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשיות פון תפילה און געגעבן פאר יעדע קינד אסאך אויפמערקזאמקייט, אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר די קינדער א מעשה וואס איז געשטאנען אין איינע פון

<<<<

די צעטלעך וואס זיי האבן אהיימגעברענגט.

איינמאל איז געקומען א פרוי צום הייליג'ן צאנזער רב זצ"ל און געוויינט אז זי פארקויפט עפלעך אין מארק, און איין טאג האבן מענטשן אנגעפאנגען צו שמועסן אז אירע עפלעך זענען זויער, און קיינער וויל מער נישט קויפן ביי איר, זי איז געבליבן שטעקן מיט א גאנצע וואגן פול מיט עפלעך. איז דער הייליגער צאנזער רב אליינס געגאנגען אין מארק און אויסגערופן "ווער וויל קויפן עפלעך"? ווען די מענטשן האבן געזען אז דער הייליגער צאנזער רב שטייט און פארקויפט עפלעך זענען זיי געלאפן קויפן, און אזוי האט ער איר געהאלפן פארקויפן אלע עפלעך.

דער ראש ישיבה האט זיי פארציילט נאך מעשיות און געשמועסט מיט די קינדער און מיט די געסט, נאכדעם האט מען אריינגעברענגט די פלייש. נאך די פלייש האבן צוביסלעך אנגעפאנגען ארויפצוקומען אסאך בחורים און משפחות צו די באטע, אויך דער גרויסער מפיץ, דער מפיץ וואס האט מקרב געווען דעם ראש ישיבה  - ר' נתן יאקאבאוויטש הי"ו איז אריבערגעקומען. דער ראש ישיבה האט געזאגט אסאך שיינע זאכן, איך וועל פרובירן אפצושרייבן אפאר שיינע שיחות וואס איך געדענק.

**

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די געסט וואס מען האט גערעדט ביי זייער סעודה, האט ער פארציילט אז מען האט געשמועסט, אז עס איז אינטערעסאנט אז דער ראש ישיבה טראכט שוין יעצט וואס וועט זיין אין צוואנציג יאר ארום און איך קען קוים טראכטן וואס וועט זיין מארגן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט "דו ווייסט וואס וועט זיין אין צוואנציג יאר ארום? אין יאר ת"ת וועט מען קענען געבן א וויש אויף די נאז, און עס וועט זיך מישן צו די נעקסטע ניגון. מען וועט געבן א דריק אויף די רעכטע באק און עס וועט זיך מאכן pause".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אמאל פלעגן בחורים זיך דארפן באהאלטן מיט עירפאונ"ס אין די אויער צו קענען הערן עפעס אינמיטן א שיעור, אבער היינט איז שוין דא א פיצי שטיקל אזוי קליין ווי א בונדל וואס מען לייגט אריין אין די אויער. אבער אין יאר ת"ת וועט מען אלעס קענען טון מיט א וויש אויף די נאז.

א סמארטפאון וועט זיין א אלטמאדישע זאך! האט דער ראש ישיבה געזאגט. קיינער וועט עס מער נישט דארפן, די וועלט וועט שוין זיין אזוי סאך מער פארגעשריטן. און דאס וועט אפילו נישט זיין אין צוואנציג יאר ארום, אין צוויי יאר ארום וועט א סמארטפאון זיין אלטמאדיש.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינעם: "דו ווייסט וואספארא שווערע נסיונות דיינע בחורים וועלן האבן? די איינציגסטע עצה וועט זיין אז מען וועט זיך האלטן ביים רבי'ן, לערנען דעם רבי'נס ספרים און טון זיינע עצות".

**

דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן א בחור וואס איז די וואך ארויפגעקומען אין ישיבה נאך א לאנגע צייט וואס ער איז נישט געקומען, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געזאגט: "איך בין זיכער אז יעדער בחור וואס האט געלערנט אין ישיבה וועט ביים סוף צוריק קומען צום אייבערשטן. נאכן פארזיכן פון די זיסע עצות קען נישט זיין ער זאל פארלוירן גיין.

דער ראש ישיבה האט צוגערופן די קינדער און זיי געפרעגט: "ענק ווייסן אז ס'איז דא מענטשן וואס רופן זייער ווייב האניג?" זיי הייבן אויף די טעלעפאון 'וואס מאכסטו האניג?' די קינדער האבן געלאכט, און איינער האט געפרעגט אויב דער ראש ישיבה טוט עס אויך, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ניין, אבער ס'איז דא מענטשן וואס טוען אזוי.

דער ראש ישיבה האט זיי אנגעוויזן אז דאס שטייט אין הייליג'ן ספר ליקוטי מוהר"ן (חלק א' סי' קצ"ט), "אשה" איז גימטריה "דבש", א פרוי איז גימטריה האניג. ס'איז אמאל געווען א רבי, וואס ער האט געוואלט זען וואס עס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן, האט ער עס געעפנט און ער האט פונקט אויפגעמישט צו דעם תורה ווי די רבי רעדט וועגן אשה - דבש, האט ער אנגעפאנגען צו שרייען, פע פע פע אזוי שרייבט מען?!

איז דארטן געווען ר' דוד פון די שטאט פאלי וואס ער איז איינמאל געווען ביים רבין, האט ער

<<<<

זיך אנגערופן וואס איז? און ער האט געוויזן דעם רבי'ן וואו עס שטייט פונעם אריז"ל אז "אשה" איז גמטריא "דבש". 'וואו ער איז געווען, זענט איר נאכנישט געווען' האט ער זיך אנגערופן צו אים.

איינער פון די קינדער האט געפרעגט, יענע רבי' איז געווען א צדיק? האט דער ראש ישיבה מסביר געווען פאר די קינדער אז ס'איז דא אזא זאך ווי א 'רבי' און ס'איז דא אזא זאך ווי א 'צדיק'. יענע רבי איז נישט געווען א צדיק, ער איז געווען א 'שמעבע' מענטשן האבן אים גערופן 'רבי'.

דער הייליגער רבי האט דאס שוין פאראויס געזען דער הייליגער רבי האט געזאגט "טעמה כי טוב סחרה "ווען א איד איז זוכה צו פארזוכן פון צדיק'ס תורות "לא יכבה בלילה נרה" וועט זיך ביי אים קיינמאל נישט פארלעשן די ליכט, ער וועט אלץ בלייבן מקורב. אינטערסאנט איז, ווען דער רבי האט געזאגט די תורה, איז דער ר' דוד פון שטאט פאלי געווען דארט, ר' דוד איז מער נישט געקומען צום רבי'ן, אבער שפעטער ווען די מעשה האט פאסירט האט ער געשריבן אויף יענעם מפורסם וכו', האט מען געזען וואס דער רבי האט שוין פאראויס געזען.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אמאל איז א געוויסע רבי געקומען באזוכן סאטמארער רבי זי"ע, האט סאטמארער רבי געהייסן מען זאל לייגן ספר "ליקוטי מוהר"ן" אויפן טיש. ווען ער איז אריינגעקומען און ער האט עס באמערקט האט ער זיך אנגערופן צום סאטמאר'ן רבי "ביי אונז פלעגט מען סענדן א טיש וואס ס'איז געליגן א ליקוטי מוהר"ן אויף דעם". האט סאטמארער רבי אים געענטפערט "און ביי אונז לערנט מען עס".

**

נאכדעם איז מען אריינגעפארן אין א שמועס וועגן הפצה, דער ראש ישיבה האט געבעטן יעדער זאל פארציילן עפעס א מעשה פון הפצה. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די מפיצים אין ארץ ישראל גייען הפצה צוויי מענטשן צוזאמען אויף א אינטערעסאנטע וועג; איינער איז א באהאלטענע מפיץ, ער גייט ארויף אויף א באס, אפאר גאסן שפעטער קומט דער צווייטער ארויף מיט אסאך קונטרסים און ספרים, דער ערשטער לויפט צו צו אים און נעמט פון אים אסאך קונטרסים, און געבט אים אסאך צדקה, אזוי נאכדעם וויל שוין יעדער נעמען פון די ספרים, ווייל דער ערשטער האט אזוי' שיין גענומען.

האט דער ראש ישיבה מסביר געווען: "רוב מענטשן טראכטן נישט אליינס, מען קוקט וואס יעדער טוט און דאס טוט מען. וועגן דעם ווען די מענטשן אויפן באס זעען אז דער ערשטער האט גענומען, נעמען זיי עס אויך. ווייל 99 פראצענט מענטשן טראכטן נישט, מען טוט וואס יעדער טוט".

**

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט מיט פרייד אז עס קומט שוין אט אט ארויס א ביכל פון אלע מעשיות פון "עצתו אמונה פאר קינדער", אויך קומט שוין ארויס נאך א סידי פון די סעריע "טאנץ מיט אמונה". דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט ווי אזוי מען וועט קענען מפיץ זיין דעם נייעם סידי, ווייל רוב מענטשן היינט האבן שוין נישט קיין סידי שפילער, דארף מען טרעפן א אנדערע וועג ווי אזוי עס צו קענען פארשפרייטן.

**

מען האט ווייטער געשמועסט אסאך זאכן, און נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "פארוואס גלייך נאך שובבי"ם קומט חודש אדר? ווייל נאר אז מען טוט תשובה קען מען זיין פריילך, יעצט אז עס ענדיגט זיך שובבי"ם און מען האט תשובה געטון, קען שוין קומען **משנכנס אדר מרבין בשמחה**".

**

דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער און זיי פארציילט א מעשה. אמאל האט דער הייליגער בעל שם טוב גערופן זיין תלמיד דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע, און אים געזאגט אז ער זאל גיין זיך באהאלטן אין א געוויסע פלאץ אויפן וועג ווי מענטשן רוען זיך אפ, און ער זאל זיך צוקוקן א גאנצן טאג ביז ביינאכט וואס עס פאסירט דארט, אבער ער זאל גארנישט רעדן. ער איז אהינגעגאנגען און ער האט געזען ווי איינער קומט צופארן און ער רוהט זיך אביסל אפ דארט און ער פארט אוועק, אבער ער לאזט דארט איבער א רענצל געלט. עס גייט אדורך אפאר מינוט, און עס קומט אן א צווייטער מענטש,

<<<<

און ער זעט א רענצל מיט געלט, האט ער עס גענומען און ער איז אוועקגעפארן. עס גייט אדורך אפאר מינוט קומט אן א דריטער א ארעמע שלעפער און ער שלאפט דארטן איין. יעצט האט זיך דער ערשטער מענטש געכאפט אז ער האט פארלוירן זיין געלט, איז ער שנעל צוריקגעקומען און ער זעט ווי דער ארעמאן שלאפט דארט, האט ער אים אנגעפאנגען צו שלאגן אן קיין רחמנות און ער שרייט "געב מיך צוריק מיין געלט"!

דער מגיד שטייט דארט באהאלטן און ער וויל שרייען וואס שלאגסטו אים, נישט ער האט עס גענומען, אבער דער בעל שם טוב האט אים געזאגט ער זאל גארנישט רעדן.

דער מגיד איז צוריקגעפארן צום בעל שם טוב און ער האט געפרעגט וואס גייט דא פאר? האט דער בעל שם טוב אים מסביר געווען אז די צוויי מענטשן, דער וואס האט פארלוירן און דער וואס האט געטראפן, זענען געווען שותפים אינעם פריערדיגן גלגול, און זיי האבן זיך צוקריגט, דער ערשטער מענטש - דער וואס האט פארלוירן די געלט, ער בא'גנב'ט דעם צווייטן מענטש. האבן זיי גענומען דעם דריטן וואס ער איז געווען דער רב אז ער זאל פסק'ענען, און דער מענטש האט געגעבן שוחד פאר'ן רב, האבן זיי אלע געדארפט נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט. ער האט געדארפט באצאלן וואס ער האט צוגענומען און דער ארעמאן - דער רב האט געדארפט כאפן שלעק פארן נעמען שוחד.

די קינדער האבן געזאגט אז זיי קענען שוין די מעשה ווייל זייער רבי האט עס פארציילט אין חדר, האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט: "און דו ווייסט ווער עס האט עס פארציילט פאר דיין רבי? דער ראש ישיבה האט עס פארציילט ביים שיעור דאנערשטאג נאכט.

**

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז ער וויל עפענען א מכון "עצתו אמונה", ארויסגעבן ספרים פון יעדן נושא וואס שטייט געשריבן אין "עצתו אמונה", אזוי ווי איינער האט יעצט געמאכט א ספר "אשר בנחל פאר פרויען" פון אלע בריוון אין "אשר בנחל" וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאר פרויען, אזוי קען מען מאכן א ספר פון אלע בריוון געשריבן אויף ימים טובים, א ספר פון בריוון געשריבן ספעציעל פאר בחורים, און אזוי ווייטער, מען קען מאכן הונדערטער ספרים פון דעם.

דער ראש ישיבה האט געזאגט איך דארף צען אינגעלייט וואס זענען גרייט צו ארבעטן אן דעם וואס דער ראש ישיבה זאל זיי זאגן ש'כח'ס, אינגעלייט וואס דארפן נישט דער ראש ישיבה זאל זיי גלעטן א גאנצן צייט. דער ראש ישיבה האט פארציילט: "ווען איך בין געקומען צו מוהרא"ש בין איך נישט געקומען אז מוהרא"ש זאל מיך זאגן ש'כח, מוהרא"ש זאל מיך גלעטן און זאגן ביזט געוואלדיג.

**

איינער האט געזאגט אז אפשר קען מען אראפנעמען די דעקל פון "עצתו אמונה" און שרייבן עפעס אנדערש אנשטאט דעם, און אזוי וועלן עס מענטשן מער נעמען. האט דער ראש ישיבה פארציילט אז מענטשן האבן זיך געבעטן ביי מוהרא"ש ער זאל לאזן אראפנעמען דעם ברסלב'ן קרוין פון "אשר בנחל" און מיר וועלן עס פארשפרייטן אין די גאנצע וועלט. אבער מוהרא"ש האט זיי געענטפערט: "דעם קרוין וויל איך אריינברענגען אין די וועלט"!

דאס הייסט אז יעדער זאל וויסן אז ס'איז דא א רבי אויף דער וועלט און אלע שיינע עצות וואס שטייט אין דעם קונטרס אדער ספר קומט פון אים.

**

דער ראש ישיבה האט פארציילט: איינער פון די אינגעלייט האבן געגעבן א שיעור אין א ישיבה פון א געוויסע נושא, די בחורים האבן געוויסט אז ער איז א ברסלב'ער, האבן זיי גערעדט צו אים וועגן המפיץ הגדול ר' נתן יאקאבאוויטש הי"ו, און דער אינגערמאן האט זיי געזאגט: "ר' נתן האט א אייגענע הויז א אייגענע קאר, א שיינע לעבן, אלץ א דאנק הפצה".

אפאר טעג שפעטער איז די ישיבה געפארן פאר א שבת אין אפסטעיט, און ר' נתן איז דארט אנגעקומען צו מפיץ זיין, האט ר' נתן פארציילט אז מען האט אים דארט גאר שיין אויפגענומען און די בחורים האבן שיין גענומען די ספרים - אנדערש ווי פארדעם. דאס איז געווען די תוצאות פון דעם וואס דער אינגערמאן האט שיין גערעדט פון ר' נתן אפאר טעג פריער.

ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס

KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING
347·666·8029
KBPOWER27@gmail.com
Hotline: 845·351·0910

## *KB Shuttle*

**Shuttle times pick ups:**

**t10:00, 10:45, 11:30, 12:15, 1:00, 1:45, 2:30**

The shuttle will come and take you to any local and semi-local address, including Shtetel, school, shop rite, South fallsburg, Monticello and any place on the way

Reserve a pick up by texting or calling 845-720-0847 the day before until 8 pm. If you didn't reserve you can still call the driver and request a pick up if available

Membership available.

Get latest updates by joining our text group.

For more info and for any questions call or text.

## צדקה מתן בסתר

איך נעם צאם צדקה פאר משפחות אנשי שלומינו וואס דארפן דאס וויכטיג. עס ווערט אויסגעטיילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

רופט אלחנן רוטה
374–633–4495

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש

רופט לייבי ראטה
347–578–4449

## *Buy & Save* - שטעטל באזאר

**"The more you buy**
**The more you save"**

All shoes and boots with be for Free the upcoming week

## שמייכל גמ"ח

לכבוד חודש אדר האבן מיר געעפנט א גמ"ח פון שמייכלעך. אדרבה פרובירט עס אויס, איר געבט א שמייכל און מיט דעם זענט איר מחי' טויזענטער מענטשן יעדן איינציגן טאג

רופט זיך אליין!
123–456–7890

# בילדער
## אפטיילונג





דער ראש ישיבה באזוכט בית המדרש אשר בנחל
מאנטאג ויקהל תשפ״ב


דער ראש ישיבה ביים מקוה אין שטעטל
מאנטאג ויקהל תשפ״ב


המפיץ הגדול ר׳ נתן יאקאבאוויטש שליט״א באזוכט אין
ישיבה דינסטאג ויקהל תשפ״ב


דער ראש ישיבה באזוכט ביי די אפיסעס פון די פירמע
"פעסט בילד" וואס בויעט די הייזער אין שטעטל


עצתו אמונה פארברענג אין שטעטל - ג׳ ויקהל


עצתו אמונה פארברענג אין וויליאמסבורג - ב׳ ויקהל



מלוה מלכה מוצאי שבת ויקהל אין שטעטל



דער ראש ישיבה רעדט צו די קינדער וואס האבן געמאכט סיומים



דער ראש ישיבה רופט ארויס איינע פון די קינדער וואס האט מסיים געווען אפאר מסכתות אין ש"ס



אפשערן פון בן ר' יואל פארקאש הי"ו אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל



פורים קטן אין קרית יואל חדר, צוזאמען מיט כיתה ט' קינדער פון תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי



מען שפילט אויף די מעשה פון די מגילה מיט'ן גאנצן געשמאק



פורים קטן אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל, די קינדער האבן אהערגעשטעלט א שפיל מיט פשוטע פארשטעלעכעטס, אינטערסאנט איז אז די קינדער זענען העכסט צופרידן, זיי דארפן נישט גארנישט.

# בילדער ארכיוון

## מסיבת הכרת הטוב דורכ׳ן
## רענט קאמפיין מוצאי
## שבת פקודי תשע״ט



מתנות פאר די אינגעלייט וואס העלפן ארויס א גאנץ יאר




הכשר פון בית דין צדק ברסלב



דער עולם ביים מלוה מלכה



ר׳ מנשה איצקאוויטש הי״ו ביי זיין דרשה



ר׳ מעכל ראזענפעלד הי״ו ביים געבן זיין דרשה



דער ראש ישיבה איז משמיע דברות קודש




# ווִי אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

"גָאט גָאט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!" אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִי'ק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעוֶוען אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע צַייט אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן; אִינְמִיטְן קוּמְט אַרַיין דֶער אֵייניקְל יִשְׂרָאלִי'ק, אַ זוּן פוּן



יִשְׂרָאלִי'ק בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

שָׂרָה דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי קוּקְט אוֹיפְ'ן אֵיינִיקְל אוּן זָאגְט אִים: "יִשְׂרָאלִי'ק, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט"; יִשְׂרָאלִי'ק אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן פִינְף יָאר אַלְט, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם רֶבִּי'ן: "וָואס גֶעבְּסְטוּ מִיר דֶערְפַאר?" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִי'ק פִירְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף אַזוֹי וְוִי אַ גוּטֶער אִיד, עֶר בֶּעט אַ פִּדְיוֹן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר יִשְׂרָאלִי'ק: "דָא הָאסְטוּ מַיין גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער, יֶעצְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט"; יִשְׂרָאלִי'ק אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, עֶר נֶעמְט דֶעם זֵייגֶער אוּן הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְגֵיין אוּן זָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "גָ-א-ט, גָ-א-ט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!"

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁמֵייכְלְט, זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, נִישְׁט דָאס מֵיינְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וְוִי אַ קִינְד בֶּעט זַיין טַאטֶע אוּן אַזוֹי וְוִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט", דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט זֵיי: "וְוִי אַזוֹי דֶען דַארְף מֶען בֶּעטְן? אִיר מֵיינְט מֶען דַארְף מֶער פוּן דֶעם? נֵיין, דָאס מֵיינְט תְּפִילָה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן - וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

## וויפיל מאל קענסטו טרעפן די ווערטער

# יום טוב פורים!

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | ב | ג | ד | פ | ו | ר | י | מ | ק | ג | ר | פ | ש | פ | ו | ר | י | מ | ח | ס | ט | פ | פ | ס | מ | ט | ל | ש | ו |
| ו | ו | ו | פ | ע | ב | ו | ז | ב | א | פ | פ | י | ו | ב | ב | פ | ח | ס | ח | ו | ו | נ | ד | ו | ו | י | ש | ת | ב |
| ז | ר | מ | ט | מ | מ | ו | ו | ס | ו | ו | ב | כ | ו | ר | י | ו | ו | ע | ב | ר | ס | כ | י | ב | ר | נ | ר | ג | צ |
| ס | א | מ | ו | י | ו | ט | ט | מ | ט | ט | ו | ט | פ | מ | י | ו | ט | ר | י | ב | ו | ט | ו | פ | מ | י | ר | ו | פ |
| ט | ו | ב | ב | ר | י | ט | א | ו | פ | ב | ט | נ | ו | צ | ז | מ | מ | מ | י | כ | ס | ו | מ | ס | ו | נ | מ | צ | פ |
| י | פ | י | ת | ו | מ | ו | ב | י | ו | ח | י | פ | ר | ד | מ | י | ר | ו | פ | מ | ח | ב | ת | פ | ו | ר | י | מ | פ |
| ל | ו | ו | ס | פ | צ | ב | ט | ט | ר | ע | ע | ו | י | כ | ב | ו | ט | ע | פ | ו | ר | י | מ | מ | ב | מ | י | א | כ |
| מ | פ | מ | ר | פ | ז | ד | ו | ת | י | ו | מ | א | מ | י | פ | ע | ד | ט | פ | מ | ו | י | י | ו | מ | ז | ו | מ | ע |
| ב | מ | ו | י | י | ו | ט | ב | ר | מ | י | ז | ר | ו | ט | ל | ק | ע | צ | ו | ס | פ | ר | ט | י | י | מ | ט | י | פ |
| מ | ר | י | ר | צ | מ | ר | ת | פ | ר | נ | ב | מ | י | ו | מ | י | ו | מ | ר | ב | ו | ו | ר | ל | י | ק | ב | ו | ט |
| ט | ו | ב | ר | י | מ | ו | י | ו | י | ו | מ | פ | ט | ב | צ | ר | ו | מ | י | פ | מ | ו | ר | ר | ח | מ | ר | מ | ב |
| מ | ו | י | ס | ו | מ | ל | פ | מ | מ | ר | ב | ו | י | ו | מ | י | י | י | מ | ו | פ | מ | ו | י | ו | י | ט | כ | ה |
| ט | ד | ב | ו | ט | פ | ר | מ | י | ר | ו | פ | ר | ט | ד | ב | ר | ד | ר | י | ט | ק | פ | ט | פ | מ | ו | ו | מ | ג |
| ט | י | ו | מ | מ | ג | א | ב | ו | ט | ל | צ | י | ו | ש | ו | ר | ז | ו | י | ו | מ | ו | י | ו | ז | נ | ב | מ | מ |
| ב | ת | צ | פ | ו | ר | י | מ | מ | ק | י | ת | מ | ב | פ | ר | ש | ח | פ | א | ב | ש | ח | כ | נ | ב | מ | ו | י | ח |

העלף נחמן נתן זיך גרייטן צו סעודת פורים!





# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | 2 | | | | 5 |
| 4 | | | | 6 | |
| 1 | | | 2 | | |
| | 5 | | 4 | 2 | 3 |
| | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | 4 | | 7 | | 1 | 8 | |
| 8 | 1 | | | 4 | | | 2 | 7 |
| 9 | | 7 | 8 | | 2 | 3 | | 5 |
| | | | 6 | 5 | 8 | | | |
| 7 | | | | | | | | 2 |
| | | | 7 | 2 | 9 | | | |
| 3 | | 5 | 2 | | 7 | 4 | | 9 |
| 1 | 7 | | | 9 | | | 5 | 8 |
| | 9 | 6 | | 8 | | 2 | 7 | |



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**טו.** הַשַּׁקְרָן שׂוֹנֵא עֲנִיווּת.

**טייטש.** אַ לִיגְנֶער הָאט פַּיינְט וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין.



# חידות
אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: וֶועגְן אֵיין תַּעֲנוּג'ל פוּן אַ מֶערְטְל שָׁעָה**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. קען ער פארלירן די שכל

ב. קֶען עֶר פארלירן דֶעם עוֹלָם הַזֶה מִיט עוֹלָם הַבָּא

ג. קען מען פארלירן די ווייב

ד. קען מען פארלירן די פרנסה

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **דער הייליגער רבי זאגט: דער עיקר אידישקייט איז**

ענטפער: זיך צו פירן פשוט אן קיין חכמות

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**הערש אלימלך קאהן נ"י - זשערסי סיטי**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת ויקהל?

## פון ראכטס צו לינקס.

3. דער צדיק ווייזט אונז א וועג ווי אזוי מיר זאלן קענען אריבערגיין טיפע _____
4. ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן, ווערט די _____ ריין און לויטער
5. אויב דו ווערסט_____, ווערסטו בקרוב טרעפן דיין שידוך
7. דער רבי' געבט אונז אזא שכל, א מענטש הויבט אן שפירן דעם אייבערשטן _____
9. מענטשן וואס ווייסן דאס חשיבות פון _____, איז די גרעסטע שמחה צו גיין פורים מיט די משפחה
11. בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט זוכה זיין צו האבן א פרייליכן _____
13. מיר ווייסן גארנישט וועגן דאס גרויסקייט פון _____
14. א מענטש מיט אביסל שכל לויפט קיין _____
15. _____ קלארט אויס דעם מענטש און ווייסט אים וואס ער האט צו טון

## פון אויבן אראפ.

1. אלעס איז דער _____
2. גיין צו עלטערן, זיי מחי' זיין, איז די _____ זאך
4. יעדעס מאל מען וויל גיין צום צדיק ווערט גרויסע _____
5. איך זאג דיר ווי אזוי זיך צו_____, נאר ווייל איך האב דיך ליב
6. א איד _____ נישט, א איד האט רחמנות
7. ווען מען וויינט _____, קען קומען נאכדעם זאכן וואס מען קען טאקע וויינען
8. מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל בלייבן ביים _____
10. אלע שרעקליכע טראגעדיעס פון א גאנץ יאר, ווערט אלעס אנגעשריבן אום _____ _____
12. שבת שפילט מען נישט מיט _____





בס"ד
מוסדות היכל הקודש ברסלב
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע || בנשיאות ראש הישיבה שליט"א
מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין
מיר ווילן אייך פערזענליך
איינלאדענען צו א רייכע
סעודת מלוה מלכה
מסיבת
הכרת
הטוב
וואס וועט פארקומען דעם
מוצש"ק פקודי הבעל"ט
בבית מדרשינו בוויליאמסבורג
27 Skillman St.
בשעה 9:00
בהשתתפות
ראש ישיבה שליט"א
עס
וועט אי"ה זיין
צוגעשטעלט א
באס פון קרית
ברסלב
מיר האפן אייך
פערזענליך צו באגריסן
אשר בער אינדארפער
שבתי דוד מארקוס
282 DESIGN | 8454064250